STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02642

RESHIME FUN ZEKS HUNDERT VERTER

Uriah Katzenelenbogen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוריה קאַצענעלנבאָגן

רשימה

פון זעקס הונדערט ווערטער

באַגעגנט צום אָפטסטן אין קלאַס-צימער

ארויסגעגעבן:
אַרבעטער רינג לערער פאַרבאַנד
אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע
1939
446

A List of 600 Words Most Frequently Used
in Yiddish Classrooms

By U. Katzenelenbogen

Published by the Workmen's Circle Teachers' Alliance
of U.S.A. and Canada
New York, N. Y., 1939

פאַרבאַמערקונגען

איך האָב איבערצייַלט פינף־און־זיבעציק טויזנט ווערטער, און די פּאָלגנדיקע זעקס הונדערט חזר'ן זיך איבער צום אָפטסטן.

דאָס מאַטעריאַל, וואָס איך האָב אויסגענוצט, איז געווען שפּראַכלעך און לויטן אינהאַלט צוגעפּאַסט פאַר אונדזערע עלעמענטאַר־שולן. דאָס מאַטעריאַל איז באַשטאַנען פון מעשה'לעך, לידער, לעגענדעס און גרינגע צייטונג־נאָטיצן.

איך האָב אַריינגענומען 62 קאָמפּאָזיציעס, וואָס קינדער פון פאַרשיידענע עלעמענטאַר־שולן האָבן געשריבן (טייל העקטאָגראַפירטע און געדרוקטע — גאָר קורצינקע, אָן ערך פערציק ווערטער אַ קאָמפּאָזיציע, ביז קאָמפּאָזיציעס פון אַ צוויי הונדערט און פופציק ווערטער) מיט אַ סך־הכל פון זיבן טויזנט און פינף הונדערט ווערטער. נאָך אַ מאַטעריאַל פון זיבן טויזנט פינף הונדערט ווערטער האָב איך אַריינגענומען, וואָס איז באַשטאַנען פון געשריבענע זאַצן — קלאַס־אַרבעטן מיט פאַרשיידענע איבונגען.

איך האָב יאָרנלאַנג געפירט אַ רשימה פון „געפרעגטע ווערטער". קינדער אין קלאַס, שרייבנדיק, צי דערציילנדיק, ווענדן זיך כסדר צום לערער מיט ענגלישע ווערטער און אויסדרוקן און פרעגן: ווי זאָגט מען עס אין יידיש?

אָט די ווערטער, וואָס קינדער זוכן, זיינען ניט דורכאויס ענגלישע, וועלכע זיי ווילן איבערזעצן אין יידיש. דאָס זיינען אָפטמאָל ווערטער יידישע, וואָס די קינדער האָבן געהערט, צי געוואוסט, נאָר האָבן פאַרגעסן, האָבן זיי „אויף דער שפּיץ צונג".

די סאַמע אָפט־געפרעגטע ווערטער זיינען געווען אַריינגעבראַכט אין די קלאַס־איבונגען, וואָס איך האָב אויסגענוצט. אַזויערנאָך זיינען די „געפרעגטע ווערטער" בולט אין דער רשימה.

איינצלנע ווערטער — אין דער רשימה פאַר די אָנהייב־קלאַסן — וועלן אויסקוקן פרעמדלעך (למשל: באַנוצן, פּרואוון), אָבער דאָס זיינען די אָפּט־געזוכטע ווערטער ביי ענגליש־רעדנדיקע קינדער. אַזוי אויך מיט עטלעכע העברייאישע ווערטער, וואָס קינדער געברויכן, איידער זיי קענען זיי נאָך אויסלייגן.

גענוי צו אַנאַליזירן אָט־די רשימה לייג איך אָפּ אויף אַ ווייטערדיקער ווערטער־ציילונג. איך וויל דאָ אָבער ברענגען די פופציק ווערטער, וואָס מען טרעפט עפטער ווי אַלע אַנדערע, און דעם אָרט (זייער לערכ׳דיקן פּראָצענט), וואָס זיי פאַרנעמען אין אונדזער שפּראַך.

די פאָלגנדיקע צען ווערטער (אויסגעשטעלט לויט דער אָפטקייט, ווי איך האָב זיי באַגעגנט):

און	די (מערצאָל)
אַ	ער
האָט	אין
איז	דער (מענלעכער מין)
דאָס	איך

— באַטרעפן כמעט אַ פערט־חלק פון באַנוצטן יידיש, אַרום 24 פּראָצענט).

די פאָלגנדיקע צוואַנציק ווערטער (אויסגעשטעלט לויט באַגעגנטער אָפטקייט):

ניט	דער (ווייבלעכער מין, דאַטיוו)
זיך	ווי
אים	פון
וואָס	עס
צו	זיי
אויף	מיר
מיט	פאַר
זי	אָבער
דעם	האָבן
די (ווייבלעכער מין)	אַז

— פילן אויס איבער פופצן פּראָצענט פון אונדזער שפּראַך.

די ווייטערדיקע צוואַנציק ווערטער (לויט זייער אָפטקייט):

אַן	**ווען**
נאָך	**זאָגט**
קינדער	**ענטפערט**
צו	**פרעגט**
זיינען	**וועט**
מען	**אויך**
זאָל	**אַזוי**
צום	**ביי**
זיין, ווערב	**אַלץ**
איין	**וואו**

— באַטרעפן קאַרגע זיבן פּראָצענט.

די דאָזיקע פופציק ווערטער, זעען מיר, פילן אויס אַ צוויי און פערציק פּראָצענט פון גאַרן יידיש.

איך בין זיך משער, אַז ביי אַ ברייטערער ווערטער־ציילונג, וועט דער פּראָצענט פון די דאָזיקע פופציק ווערטער זיך ניט שטאַרק ענדערן. עס קען, דהיינו, אַרויספאַלן אַזאַ וואָרט, ווי „קינדער" פון די ערשטע פופציק, אויב מען זאָל ציילן ווערטער פון אַ גאַנץ־אַנדערש צוגעקליבענעם מאַטעריאַל. עס וועט זיך ענדערן די ריי פון אַזוינע ווערטער (אָדער זיי וועלן אין גאַנצן פעלן צווישן די ערשטע פופציק), ווי, „זאָגט", „ענטפערט", „פרעגט", אויב דער צוגעקליבענער מאַטעריאַל וועט זיין ניט קיין דערציילערישער.

איך קוק אויף די זעקס הונדערט ווערטער, ווי אויף אַ מינימום־וואָקאַבולאַר פאַר די ערשטע צוויי קלאַסן — אַפילו פאַר אַזוינע קינדער, וואָס קומען אָן אין אונדזערע שולן אָן די מינדסטע ידיעות אין יידיש. אָבער זאָל מען ניט מיינען, אַז פאַר אַ מינימום זיינען זיי צו פיל. אין אַרטיקל („ווי צו פורעמען אונדזער שול־וואָקאַבולאַר", „אונדזער שול", דעצ. 1937) האָב איך אָנגעוויזן, אַז מ'טאָר ניט איינלערנען קינדער אַ צופעליקן וואָקאַבולאַר. מ'טאָר ניט אַרויפצווינגען אויף קינדער ווערטער, וואָס דאַרפן זיין אין דריטן טויזנט (צי גאָר אין אלף השישי) פון זייער ווערטערשאַץ, איידער זיי וויסן אַפילו די ערשטע עטלעכע הונדערט אָפטסטע ווערטער. מען מוז אויך וואָרענען קעגן אַן אַנדער עקסטרעם. ווילן מיר,

אז אונדזערע שול־קינדער זאָלן האַלטן יידיש פאַר אַן „אייגענער" שפּראַך (צי פאַר אַ שוועסטער־שפּראַך צו ענגליש), טאָרן מיר ניט צוטרעטן, אַפילו אין די יינגסטע קלאַסן, מיט אַ צו־נעבעכ־דיקן וואָקאַבולאַר. באַלד אין אָנהויב מוזן מיר האָבן אין אויג, אַז דאָס יידיש וואָס מיר לערנען די קינדער, דאַרף זיי אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַריינפירן אין שפּראַך־אוצר פון אונדזער פאָלק.

נעמען פון מענטשן, יידישע און אַלגעמיינע, האָב איך אין פאַרגעשלאָגענעם וואָקאַבולאַר ניט אַריינגענומען. פאַר די קלאַסן „א" און „ב" זיינען גענוג די נעמען פון די אייגענע שול־חברים, מיט וועמען די קינדער באַקענען זיך, זיי זאָלן זיך אויסלערנען זיי אָנצושרייבן. קומען דאָך נאָך צו נעמען ביבלישע, וואָס דער לערער דערמאָנט אין די ערשטע קלאַסן. אין דער רשימה זיינען פאַראַן צאָלן נאָר ביז צען, ווייל זיי טרעפן זיך צום אָפטסטן, אָבער דאָס מיינט ניט, מ'זאָל זיך באַגנוגן און ניט לערנען קינ־דער ציילן ווייטער, אויך אין די ערשטע צוויי קלאַסן.

ביי נאָרמאַלע (דאָס מיינט, ביי אונדזערע אומנאָרמאַלע) באַדינגונגען קענען דאָך קינדער, דוכט מיר, דערוועבן אין די ערשטע צוויי קלאַסן אָט־די 600 ווערטער. פאַרשטייט זיך, וויל מען שול־קינדער זאָלן באַהערשן אַ באַשטימטן וואָקאַבולאַר, דאַרף זיך אויף אים, אויפן וואָקאַבולאַר, באַזירן דער גאַנצער לערן־מאַטעריאַל, ער דאַרף זיך דורכשנירלען אין אַלע קלאַס־אַרבעטן.

ווי באַשיידן עס איז ניט די געבראַכטע רשימה, קען מען דאָך, ווי מיינע אייגענע פּרוּוון האָבן מיך געלערנט, מיט דער הילף פון די זעקס הונדערט ווערטער פירן מיט די קינדער פון די יינגערע קלאַסן אַלע נויטיקע שמועסן, אָנגיין געהעריק מיטן לימוד פון יידיש, דערציילן פריי מעשה'לעך און לעגענדעס. דאָ און דאָרט וועט מען דאַרפן דערקלערן אַ צוויי־דריי ניי־אַריינגע־בראַכטע ווערטער, אָבער ווייל דער געגעבענער וואָקאַבולאַר איז נאָר אַ מינימום, וועלן די צוגעגעבענע ווערטער ניט זיין פאַר די קינדער אַ צו שווערע לאַסט.

ווערטער אין קלאַמערן, מיט אַן אויסרוף־צייכן, באַווייזן די פאָרמעס פון וואָרט, וואָס ווערן באַנוצט עפּטער. די ווערטער אין קלאַמערן, וואָס האָבן ניט קיין אויסרוף־צייכן (צווישן זיי אַ צאָל סינאָנימען), באַגעגענען מיר עטוואָס זעלטענער.

א

אַ
אַבער
אָדער
אַהער
אָוונט
אַוועק
אויב
אויג (אויגן!)
אויף (אַף)
אויסווייניק
אויך
אויפהערן
אויפכאַפּן זיך
אויפשטיין
אומעטום
אומעטיק
אומרואיק
אונדזער
אונטער
אות
אַז
אַזאַ
אַזוי
אָט
איבונג
איבער
איז
אייז
אייך
איילן זיך
איין
איינס

אייניקל
אייער (אייערע)
איך
אים
אין
איצט
איר (מערצאָל)
איר
אַכט (8)
אַלט (עלטער)
אַליין
אַלע
אַלץ
אַלצדינג
אַמאָל
אַמעריקע
אמת
אָן
אָן
אַנדער
אָנהויבן (אָנפאַנגען)
אָנטאָן (אָנגעטאָן!)
אַנטשולדיקן
אַנשטאָט
אָפּט
אפשר
אַראָפּ
אַרבעט
אַרום
אַרויס
אַרויף
אַריין
אָרים (אָרימע!)

ב

באָבע
באַגעגענען (באַגעגנט!)
באַהאַלטן
באַזונדער
באַלד
באַלד (גלייך, תּיכּף)
באַנוצן (נוצן)
באַנק (בענקל!)
באַרג
באָרד
באַרנע
באַשליסן (באַשלאָסן!)
בוים
בוך
ביז
ביסט
ביי
בייז
בייטאָג
ביים
ביינאַכט
בילד
בין, ווערב
בין
ביסל (אַביסל!)
בלאָזן (בלאָזט!)
בלאַט (בלעטער!)
בלוט
בלוי
בלום
בלייבן (געבליבן!)
בלייפעדער
בעט
בעטן (געבעטן!)
בעסער
בער
ברודער
ברויט
בריוו
ברענגען (געבראַכט!)
ברענען (ברענט!)

ג

גאָלד
גאַס
גאָר
גאָרטן
גאָרניט (גאָרנישט)
גוט
גיין (גייט — געגאַנגען!)
גיך (געשווינט)
גלאָז
גלויבן
גלייך
גליקלעך
געבורטסטאָג
געבוירן
געבן (גיב—גיט!)
געדענקען
געווען
געוואָרן
געווים
געזונט

געל
געלט
גענוג
געפֿאַר (געפערלעך)
געפינען (געפונען !)
געפעלן (געפעלט !)
גערעכט
געשיכטע
געשמאַק
גראָז
גרוי
גרויס
גרייטן (גרייט !)
גרינג
גרין (גרינע !)

ד

דאָ
דאַך
דאָלער
דאַן (דעמלט)
דאָנערשטיק
דאַנקען
דאָס
דאָקטער
דאָרט (דאָרטן)
דאַרפן (דאַרף !)
דו
דויערן (געדויערן)
דוכט זיך
דורך
דיין (דיינע)
די
די, ווייבלעכער מין
דיל (פּאָדלאָגע)
דינסטיק
דיקטאַט
דעם
דער
דער, ווייבל. מין, דאַטיוו
דערווייל
דערלאַנגען
דערלויבן
דערמאָנען
דערנאָך
דערפֿאַר
דערציילן (דערציילט !)
דערקענען
דרויסן
דריי

ה

האָבן (האָט !)
האַלב
האַלטן (געהאַלטן !)
האַנט
האָפן
האָר
האַרבסט
האַרץ
הויבן (אויפגעהויבן)
הויז
הויך
הונגעריק
הונט

היטן
היים (אַהיים!)
היימאַרבעט
היינט
היים
הייסן
הימל
העלד
העלפן
העפט
הערן

ו

וואו
וואוינען (וואוינסטו!)
וואונדערן זיך
(וואונדערט זיך!)
וואַך
וואַלד
וואַלט
וואַלף
וואַלקן
וואַנט
וואַס
וואַסער
וואַקסן
וואָרט
וואַרטן
וואַרים
וואַרפן (וואַרפט!)
וואַשן
ווי
ווידער
ווייב
ווייזן (ווייזט!)
וויי טאָן (טוט וויי)
וויטער
ווייל
ווײַלע
ווייניק (ווייניקער—ווינציקער)
וויינען (וויינט!)
ווייס
ווילד
ווינט
ווינטער
וויסן (ווייסן!)
וועג
וועגן
וועטער
וועלט
וועלכער
וועלן (וויל—געוואָלט!)
וועלן (וועל—וועט!)
וועמען
ווען
וועקן (אויפגעוועקט!)
ווער
ווערן

ז

זאָגן (זאָגט—געזאָגט!)
זאַך
זאָלן (זאָל!)
זאַמד
זאָרגן
זוכן

זומער
זון, דער
זון,
זונטיק
זי
זיבן
זיי
זייגער
זיידע
זייט (זייטל)
זיין, ווערב
זיין (זיינע)
זיינען
זייער
זייער (זייערע)
זיך
זיכער
זילבער
זינגען
זים
זיצן (זיצט!)
זען
זעקס

ח

חבר (חברים)
חלום
חנוכה

ט

טאָג
טאָוול
טאַטע
טאָכטער
טאָן (געטאָן!)
טאַנצן
טויזנט
טויט
טומל
טונקל
טיי
טייך
טייל
טייער (טייערער—טייערע!)
טינט
טיף
טיר
טיש
טראָגן
טראַכטן (טראַכט!)
טרינקען
טרעפּ
טרעפן
טרער (טרערן!)

י

יאָ
יאָגן
יאָר
יום-טוב
יונג (ייִנגער)
ייִד
ייִדיש
ייִנגל (ייִנגעלע)

יעדער
יענער

כ

כעס
כאפּן

ל

לאָזן
לאַכן
לאַנג
לאַנגזאַם (פּאַמעלעך)
לאַנד
לבנה
לויפן (לויפט!)
לופט
ליאַלקע
ליבן (ליב!)
ליגן (ליגט—געלעגן!)
ליגן, א
ליד
לייב
ליידן
לייענען
ליכט
לינקס
לעבן
לעבן, דערביי
לעפל
לעצטער
לעקציע
לערנען
לערער
לערערין (לערערקע)

מ

מאַכן
מאָל, איין
מאָלן, א בילד
מאַמע
מאַן
מאָנאַט (חודש)
מאַנטיק
מאַנטל
מאָרגן
מוזן
מוטער
מויז
מויל
מומע (טאַנטע)
מורא
מיגלעך
מיד
מיט
מיטוואָך
מיטיק
מיט (אינמיטן!)
מיטן, מיט דעם
מיידל (מיידעלע)
מיין (מיינע)
מיינען (מיינט!)
מילך
מינוט
מעגן

מען (מע)
מענטש (מענטשן!)
מעסער
מעקער
מער (מערער)
מעשה

נ

נאָז
נאָך
נאַכט
נאָמען
נאָנט (נאָענט)
נאַר
נאָר
נאַשעריי
נידעריק
נייטיק
ניט (נישט)
ניי
ניין
ניין (9)
נייען
נעכטן
נעמען (נעמט—גענומען!)

ס

סוף
סיבה (אורזאַך)
סך

ע

עטלעכע
עלטערן
ענגליש
ענדיקן
ענלעך
ענטפערן (ענטפערט—געענטפערט!)
עס
עסן
עפּל
עפּעס
עפענען (עפנט—געעפנט!)
ער
ערגער
ערד
ערשטער

פּ

פּאַפּא
פּאַפּיר
פּוטער
פּורים
פּיאַנע
פּילקע
פּלאַץ
פּלוצים (פּלוצלונג)
פּנים
פּסח
פּען
פּרוּוון

פ

פאָטער
פאָלגן
פאָלן
פאָלק
פאַמיליע
פאַר
פאַראַן
פאַרב
פאַרביי
פאַרגעניגן
פאַרגעסן
פאַרדינען
פאַרדרוס
פאַרוואָס
פאַרווײַלונג
פאָרויס
פאַרטיק
פאַרלירן (פאַרלאָרן!)
פאַרמאַכן
פאַרנאַכט
פאַרקילן
פאַרריכטן
פאַרשטיין (פאַרשטאַנען!)
פאַרשניצן
פויגל
פול
פון
פונעם
פוס
פיין
פיינט
פייער
פייפן
פיל
פילן
פינגער
פינף
פינצטער
פיר (4)
פירן (פירט!)
פיש
פליגל (פליגלען)
פלייסיק
פלייש
פליען (געפלויגן!)
פעטער (אָנקל!)
פעלד
פעלער
פענצטער
פערד
פראַגע
פרוי
פרוכט
פרי
פרימאָרגן
פריי
פרייטיק
פריילעך
פריינט
פרייען זיך
פרילינג
פריש
פרעגן (פרעגט—געפרעגט!)
פרעמד

צ

צאָן (ציינער!)
צאַצקע (שפּילכל)
צו
צוויי
צווייטער
צווישן
צוזאַמען
צום
צופרידן
צוקער
צוריק
ציג
צייט
צייטונג
צייכן
ציילן
צימער
ציפּער
צעברעכן
צען
צעררייסן

ק

קאָכן
קאָלט
קאָליר
קאָמפּאָזיציע
קאָפּ
קאַץ
קו
קויפן
קומען (קומט—געקומען!)
קוקן
קורץ
קוש
קיין
קיינמאָל
קיינער
קינד (קינדער!)
קיניג (מלך)
קלאַס
קלאַפּן
קלאָר
קלוג
קלייבן
קלייד (קליידער!)
קליין
קלינגען
קעגן
קעמפּ
קענען, וויסן
קענען
קראַם
קראַנק
קריגן (געקראָגן!)
קרייט

ר

רואיק
רויט
רופן
רייד
ריין
ריכטיק

רינג (רינגעלע)
רירן
רעגן
רעדן
רעכטס

ש

שאַ
שאָטן
שאַפֿ
שאַפֿע (אַלמער)
שאָקאָלאַד
שבת
שוואַך
שוואַרץ
שוויַיגן (שוויַיגט!)
שוועסטער
שווער
שוין
שוך (שיך!)
שול
שולדיק
שורה
שטאָט
שטאַרק
שטוב
שטול
שטופּן זיך
שטיין
שטיין, א
שטיל (שטילערהייט)
שטימע (קול)
שטיפֿן
שטענדיק
שטערן (אין הימל)
שטערן, ווערב
שטראַל (שטראַלן!)
שטראָף (באַשטראָפֿן)
שיין
שיין, ליכט
שילער
שילערין (שילערקע)
שיקן
שלאָגן
שלאָפֿן
שלעכט
שמייכל
שניי
שניידער
שנעל
שעה
שעמען זיך ((זיך געשעמט!)
שענקען (געשאָנקען!)
שפּאַס
שפּילן
שפּעט
שפּראַך
שפּרינגען (שפּרינגט!)
שרייבן
שרייען
שרעקן זיך